בס"ד

גליון ג

תצוה זכור ני תשא פורים

להרוות צמאון נפשות ישראל מנהר היוצא מעדן נחל נובע מקור חכמה

# להחיות

אור תורת רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

אידיש

## והחיה נרדמים

לעבהאפט טראפנס פונעם קוואל פונעם הייליגן ר' נתן

# דער קאמאנדא אקציע

די מינע פון אנגעצויגנקייט וועלכע איז געווען אויסגעשפרייט אויף די געזיכטער פון די העכסטראנגינגע גענעראלן וועלכע זיצן פארזאמלט אינעם קאבינעט פונעם אמעריקאנעם פרעזידענט, האט קלאר עדות געזאגט איבער די שווערע סעטואציע וועלכע שטייט פאר זיי.

א שטיק צייט צוריק איז אראפגעשיקט געווארן א העכסט מושטירטע גרופע פון נעווי-סיעל קאמאנדא'ס, צו א פיינטליכע לאנד צו ערלעדיגן דארט אפאר וויכטיגע חברה... למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט אז די מיסיע איז מער קאמפליצירט ווי מען האט פון פאראויס גערעכנט און די זעלנער דארט זענען אין געפאר פון פארכאפט ווערן.

די מיליטער הויפטן און שפיאנאזש קאמאנדירן זיצן אינאיינעם מיט פארקנייטשטע שטערנס און זוכן א לעזונג פארן שווערן פראבלעם וואס האט זיך געשאפן פאר זיי. צום סוף בלייבט איבער פאר זיי צוויי מעגליכע אפציעס;

איין ברירה איז, אראפצושיקן אן אנדערע געלערנטע איינהייט מיט פארגעשריטענע מיטלען זיי ארויסצוראטעווען און זיי צוריק אהיים ברענגען. די צווייטע ברירה איז, אהינצושיקן דורך געוויסע מיטלען, געהיימע סיגנאלן מיט נייע מאדערנע געצייג צו קענען קאנקורירן מיטן שונא און זיך ווייטער שלאגן מיט אים דארטן אויפן שלאכט ביזן זיי ענדגילטיג אוועקלייגן.

נאך א לענגערע דוסקאסיע זענען די שפיץ קעפ געקומען צום אויספיר אז כאטש די ערשטע אפציע איז פיל מער א פארזיכערטע, דאך וועט מען גיין אויפן צווייטן אפציע וועלכע איז היבש מער קאמפלאצירט, דער סיבה דערצו איז צוליב וואס די צווייטע אפציע פון אפשלאגן דעם שונא דארט אינעם שלאכט פעלד, וועט פיל מער ארויסווייזן די גבורה און מאכטפולקייט פון די אמעריקאנע שטאלצע מדינה וועלכע האט גאר ליב כבוד און דאס איז ביי זיי נומער איינס.

## און היינט...

גאר אסאך געוואלדיגע הפלגות געפונען מיר אין די ספרים הקדושים איבער די גרויסקייט פון דער הייליגער יו"ט וואס דערנענטערט זיך, דער יו"ט פורים. א שטייגער ווי, דאס איז א אור פון שער החמשים פון לעתיד לבוא, און אזוי נאך. פונעם הייליגן אר"י הקדוש ווערט געברענגט אז דער אור וואס שיינט אראפ אין פורים איז אין א געוויסן זין אסאך העכער ווי דער אור פון שבת און פון אלע ימים טובים - אפילו פון פסח! אייגנטליך זאגן שוין חז"ל: "כל המועדים יהיו בטלים, ימי הפורים לא נבטלים!" (ילקו"ש משלי פ"ט), ווייזט אויס, אז אזעלכע גרויסארטיגע נסים און ליכטיגקייטן אזוויי אין דעם הייליגן יו"ט פורים איז נאך קיינמאל נישט געווען.

איבער אלעם איז באקאנט די דיבורים וואס דער הייליגער רבי האט מגלה געווען אין זיין לעצטן פורים, שנת תק"ע, איבער דעם געוואלדיגן כח וואס איז פארהאן אין דעם יו"ט ווען דער רבי האט דאן צווישן אנדערע געזאגט: "פורים איז א הכנה אויף פסח", און אינמיטן האט דער רבי אויפגעהויבן זיין הייליגע שטימע און אויסגעפירט מיט א פעסטן טאן: "אמאל זענען אלע התחלות געווען פון פסח, דערפאר זענען אלע מצוות א 'זכר ליציאת מצרים'. "א-ו-ן ה -י-י-נ-ט"... דער רבי האט אויסגעצויגן דעם ווארט 'א-ו-ן ה-י-י-נ-ט'... עטליכע סעקונדן, און דאַן געבליבן שטיל, אָן אויספירן ווייטער (ליקו"ת סי' ע"ד), אין וועלכע רבי נתן זצ"ל אין ליקו"ה (ברכת הריח ד') איז מבאר דעם פארשטענדליכן אויספיר: **"און היינט צוטאג הייבט זיך אָן די גאולה און דער תיקון פון אלע עולמות פון פורים"!!!**

פון די אנדערע זייט, ווען מיר קוקן אריין אינעווייניג אין די מגילה באגעגענען מיר זיך נישט מיט עפעס אזעלכע גרויסע ספעציעלע נסים, ווער רעדט נאך דאס צו שטעלן אין פארגלייך צו די געוואלדיגע התגלות וואס האט זיך אפגעטאן בשעת יציאת מצרים?. נישט נאר דאס, נאר ווען די גמרא פרעגט פארוואס מען זאגט נישט הלל פורים, ענטפערט די גמרא אין איין תירוץ (מגילה יד.) וויבאלד "אכתי עבדי אחשורוש אנן" מיר זענען נאך אלץ קנעכט, מיר זענען נישט אויסגעלייזט געווארן פון גלות זינט דעמאלטס, אויב אזוי, ווייזט זיך אויס, אז די נס פון פורים איז נישט געווען אזוי גרויס אזוויי פסח וואס דאן זענען מיר יא געגנצליך באפרייט געווארן פון קנעכטשאפט, איז וואס איז עפעס די גרויסע טראסק פון דעם יו"ט פורים? און ווי קומט צו זאגן אז היינט זענען גאר אלע התחלות פון פורים און נישט פון פסח?

> יעצט פארשטייען מיר שוין וואס די הייליגע רבי האט געוואלט מיט זיין געשריי "און היינט".

## אכתי עבדי אחשורוש אנן

כדי דאס צו פארשטיין לאמיר זיך א מינוט צוריקכאפן צום קאבינעט פונעם אמעריקאנעם פרעזידענט, און נעמען אין באטראכט די צוויי אפציעס וועלכע זענען פארגעשלאגן געווארן דארט, דאן וועלן מיר זען אז אט די צוויי ברירות אין דעם שטעקט דער אונטערשייד צווישן די צוויי ימים טובים, פורים און פסח.

ריכטיג, אז דער נס פון יציאת מצרים איז געווען עפעס אויסטערליש הויעך וואס מיר קענען זיך ניטאמאל פארשטעלן, אבער דאס איז געווען בלויז א אקציע ארויסצוציען כלל ישראל פונעם פיינט, די מ"ט שערי טומאה. היות כלל ישראל איז נאך דאן געשטאנען פאר קבלת התורה, איז נישט געווען פאר זיי קיין שום אנדערע עצה נאר זיי ארויסצונעמען פון דארט "בחפזון", זיי האבן זיך נישט געקענט דארט מער פארזוימען אפילו איין רגע "כי לא יכלו להתמהמה", זיי זענען ארויס פאר די צייט, פאר'ן פאַרענדיגן דעם תיקון (כמבואר בספה"ק).

אין אנדערע ווערטער. פסח קומט אראפ אזא ליכטיגקייט אז ווער עס וויל זיין ערליך און נאנט צום אייבערשטן, נעמט מען אים אוועק זיין יצר הרע, זיין בחירה, אים ארויסציענדיג פון די שערי טומאה, און מען ברענגט אים אריין געגנצליך אין ארץ ישראל, דאס הייסט, אינעווייניג אין די קדושה.

פארזעצונג אין עמוד 2

האט איר הנאה געהאט פונעם גליון? האט איר סיי וואסערע הערות און געדאנקען איבערצוגעבן? לאזט איבער א מודעה אויף **מערכת ברסלב 605-313-1800** ביים ספעציעלן אפטיילונג 2>5<9



# מאך דיר נישט משוגע!

**קאקאריקא קאקאריקא...**

דער פייף האט דורך געריסן און אפגעהילכט אינעם ווייבער שול, די טיר האט זיך געגעבן א פראל אויף און יוסף זונדל'ס רינדיכיגע געשטעל האט זיך באוויזן, זיין נאז האט אצינד געטראגן אויף זיך א רויטע פאם פאם אין די זעלבע פארעם ווי זיין גוף, און אויפן קאפ איז געזעצן א קאלירפולע הויכע היט, ווען פון זיין מויל דערהערט זיך א געשריי רבותי קאקאריקא, וואס גייט פאר מיט ענק? עס איז קאקאריקא חודש אדר אויף די וועלט! אביסעלע שמחה, נו קאקאריקא לאמיר טאנצן, "מישע מישע משנכנס אדר מרבין מרבין בשמחה א א א – יוסף זונדל לאזט זיך ארויס אין א פייערדיגע קאדאטשקע – משנכנס אדר א א א מרבין בשמחה", - דא האט זיך געהערט א זעץ ווען ער האט געלאנדעט אויף די ערד מאכענדיג א וישב, ווען עס רייסט זיך ארויס א געלעכטער פון אלע אנוועזנדע, אלע? מען קען נישט ממש אזוי זאגן...

זאנוויל האט נישט אויסגעקוקט אזוי אנטציקט... ביסט אינגאנצן משוגע געווארן? עס ווערט חודש אדר גייסטו אינגאנצן ארויס פון די גלייזן? ביסט א קינד?

יוסף זונדל האט זיך פאר א מינוט פארלוירן – אבער משה דוד האט איבערגענומען דאסווארט: "דאס איז יעצט די עבודה, דאס איז זונדל'ס עבודה, און לאז צורוה, עס איז דאך חודש שמרבין בו בשמחה..."

## מילתא דשטותא

מרבין בו בשמחה? איז זאנוויל נאכאלץ נישט צופרידן – פקודי ה' ישרים משמחי לב. אז דו ווילסט זיין פרייליך נעם א בלאט גמרא און לערן עס דורך וועסטו ווערן פרייליך! דער עיקר שמחה איז זיך פרייען מיטן באשעפער! שלא עשני גוי! שמחת המצוות! וואס איז דאס זיך סתם נאריש מאכן??

דו ווייסט פון וועמען דו דערמאנסט מיר? קוק אריין אין סיפורי מעשיות אינעם מעשה פון בעל תפילה: "א טייל האבן געזאגט אז דער עיקר תכלית איז שמחה" – שמחה איז נישט קיין תכלית פאר זיך... – "באשר אז צום אמת איז קיין שום תכלית ניט פארהאנדין אויף דער וועלט נאר מע זאל גאט ב"ה דינען". {המילים של סיפורי מעשיות צריכין ניקוד}

ביסט גערעכט – איז משה דוד מסכים – שמחה איז נישט קיין תכלית פאר זיך, שמחה - און דער זעלבע זאך תורה תפילה און אזוי ווייטער - איז אלץ מיטלען פאר אמת'ן תכלית מע זאל גאט דינען. אבער דאס ביסטו מסכים אז שמחה איז גאר גרויס אזש די רבי דרוקט זיך אויס (לקו"מ תנינא כ"ד) "מצוה גדולה ליהות בשמחה תמיד"?

אויב אזוי - איז משה דוד ממשיך - קוק נאר וואס די רבי זאגט דא ווייטער (שם), "והכלל אז מען דארף זיך שטארקן מיט אלע כוחות צו זיין שטענדיג נאר פרייליך, ווייל די טבע פונעם מענטש איז זיך צו ציען צו מרה שחורה און עצבות צוליב די פגעי ומקרי הזמן. יעדע מענטש איז פיל מיט יסורים וועגן דעם דארף ער זיך צווינגען מיט גרויס כח צו זיין שטענדיג פרייליך, און זיך פרייליך מאכן מיט וואס ער קען אפילו מיט מילי דשטותא" (עכ"ל) הערסט?

## ווי איין ווי אויס

איך הער - אבער צו דען דארף מען זיך נישט זייער היטן אז מען זאל נישט ווערן זאגאר א "גברתא דשטותא" ווי איידער א מענטש וואס מאכט סך הכל מילתא דשטותא? - דאס איז געווען פנחס'ס קול.

יא מען דארף זיך היטן פון ליצנות ווי דער תם האט געזאגט "נאר אן ליצנות" (מעשה ט'), און פון שחוק - ווי עס ווערט געברענגט אין ספר המידות (שמחה י"ג - אמת מ"ז), און פארדעם טאקע פלעגן אסאך ברסלב'ע חסידים מאכן מילתא דשטותא נאר בצנעה. פון די אנדערע זייט אבער געדענק וואס די רבי זאגט (לקו"מ תנינא כ"ד) אז "עס איז פיל גרינגער אנצוקומען פון לב נשבר צו עצבות ווי פון שמחה צו הוללות..."

און פארשטייט זיך אז עס איז נישט אויף צו בלייבן ביי די מילי דשטותא, עס העלפט פשוט אנצינדן די מאטאר ווען א מענטש איז פארקנאקט און פארזעצט ער זאל זיך קענען נעמען פארן אין עבודת ה', תורה תפילה, מצות און מעשים טובים מיט שמחה דקדושה, - משה דוד האט אפגעאטעמט נעמענדיג א שלונג וואסער.

נו גיימיר טאנצן? - איז פנחס געווארן אנגעצינדן ווען ער שלעפט אראפ דעם רויטן שמענדריק פון יוסף זונדל'ס נאז און שטופט עס ארויף אויף זאנוויל...

יא, אבער פארדעם וויל איך נאר אנמערקן איין נקודה וואס פארזעהן געווארן - אברהם משה שלינגט אראפ דעם המן טאש ביסן - מילתא דשטותא איז נישט נאר א גוטע עצה זיך אויפצולעבן, עס ליגט דערין גרויסע סודות. מען דארף נאר א בליק טאן אין לקוטי הלכות א שטייגער ווי אין נפילת אפיים ד', אדער תפילין ו', די זעלבע איז אין תחמין ד', אין מתנה ג' און נאך, ווי די הייליגער ר' נתן זי"ע איז מסביר די טיפקייט וואס עס געשעהט ווען א איד מאכט זיך נאריש כדי צו צוקומען צו אמת'ע שמחה און צו עבודת ה'.

דא איז שוין זאנוויל אויפגעשפרינגן ווען מיט זיינעביידע הענט הייבט ער אויף זונדל'ן פון די ערד און לאזט זיך ארויס אין א ריקוד מיטשלעפנדיג די גאנצע חברייה:

"עבדו עבדו עבדו את השם בשמחה..."

# והחיה נרדמים

פארזעצונג פון עמוד 1

גאר אנדערש איז אבער די ליכטיגקייט וואס שיינט אראפ אויף אונז אין דעם הייליגן יו"ט פורים. פורים קומט אראפ אזא אור, אז אפילו ווען מיר זענען "אכתי עבדי אחשורוש אנן", נאך געפונענדיג זיך אונטער פיינטליכע טערעטאריעס פון דעם לאנגן גלות, און די אלע תאוות און מידות רעות ברענען און פלאקערן אויפן העכסטן גראד - ווען דער שונא, דער יצר הרע, האלט אין איין ארויסשיסן האגלען פון פייערדיגע קוילן און באמבעס פון כפירה, אפיקורסות, עצבות, יאוש, חלישת הדעת, א.א.וו. – וועלנדיג צעשמעטערן און אונטערברענגען אונזער שייכות מיטן באשעפער אויף אלע סארט אופנים - פון וואו זאל דער איד'עלע קענען אויך דעמאלטס נעמען די כוחות זיך ווייטער צו רייסן צום באשעפער און שרייען און בענקען צו אים און קענען ווייטער בלייבן שטארק נישט צו ווערן מיואש ח"ו אינמיטן די שלאכט? – אט דאס איז דער וואונדערליכער כח פון פורים וואס שיינט אויף אונז דורך די כח פון מרדכי הצדיק און פון אלע גרויסע הייליגע צדיקים אין יעדן דור!

יעצט פארשטייען מיר שוין וואס די הייליגע רבי האט געוואלט מיט זיין געשריי "און היינט". דער באדייט דערפון איז: "און היינט" ווען מיר געפונען זיך אין דעם ביטערן לאנגן גלות, איבערהויפט אין דעם אייגענעם רוחניות'דיגן גלות, איז נישט מעגליך אנצוהייבן דינען דעם אייבערשטן גראד מיט די כח פון 'פסח', מיר מוזן ערשט אנהייבן מיט די כח פון 'פורים'. דאס הייסט אין אונזער שפראך: מיר קענען נישט אנהייבן גלייך מיט דעם אז - 'מ'גייט צעברעכן דער יצר הרע'. עס גייט נישט אזוי. מיר דארפן ערשט אסאך שרייען און בעטן צום באשעפער, אפילו מיר געפונען זיך נאך נעבעך אין אלע נו"ן שערי טומאה רח"ל, אבער דורכדעם וועלן מיר סוף כל סוף זיכער אנקומען ארויסצוגיין פון די טומאה און אריינקומען און אלע שערי קדושה!

אט דער כח פון פורים - אריינצוגעבן אין א איד די קוראזש צו דינען דעם אייבערשטן דווקא בשעת ער איז נאך ארומגענומען מיט זיין יצר הרע, איז טאקע ווירקליך דער גרעסטע מופת מער פון אלע אנדערע נסים!!! (כמבואר הרבה בספרי רביה"ק), וואס דאס וועט זיין דער עיקר כח לעתיד לבוא דורך משיח צדקינו, אזוויי רבי נתן שרייבט: "אפילו ווען משיח וועט קומען וועט מען נאך אלץ האבן א 'יצר הרע'! עס וועט זיין בחירה! נאר ער וועט מיט זיין מורא'דיגע כח און עצות צוברענגען אז אפילו די ווייט'סטע מענטשן זאלן צוריקקומען צום באשעפער!!!"

**(ע"פ ליקו"ה ברכת הפירות ה"ה, י"ז).**



# להחיות עם רב

תשועה ברוב יועץ
בדרך שאלה ותשובה

הרה"ח ר' שאול סירוטה שליט"א

## שאלה:

פורים דערנענטערט זיך גרויס און קליין גרייטן זיך מיט פרייד צום לעבעדיגן יו"ט, אבער מיינע מחשבות פליען שוין צו די טאג נאכדעם. צו מיין ווייטאג בין איך שוין אריבער פיל פורים'ס אין מיין לעבן מיט 'אורות' אבער אין די טעג נאכדעם האב איך זיך געטראפן אינעם זעלבן מצב ווי פאר פורים. וויל איך פרעגן ווי אזוי איז מען זוכה אז די פורים זאל נישט אריבערגיין נאר פארבלייבן אין מיר א גאנץ יאר?

## תשובה:

### וימי הפורים לא יעברו מתוך היהודים

דער הייליגע רבי רעדט ארום (לקו"מ ח"ב סי' י"ט) אז עמלק איז א חכם להרע וואס לייקענט אין די מצוות מעשיות און ער האלט אז נאר איינער וואס איז א בעל השגה מיט א טיפע חכמה ער קומט אן צום תכלית, און אזוי זעט מען אויך אין די מעשה פון חכם ותם אין ספה"ק סיפורי מעשיות ווי די רבי לייגט פאר דעם חכם אלץ איינער וואס זוכט דווקא גרויסע שלימות'דיגע זאכן און איז נישט צופרידן מיט פשוט'ע עבודות, און ביים סוף פון די מעשה פירט די רבי אויס אז דער חכם איז נישט קיין צווייטער ווי עמלק אליין.

אונזער עבודה איז אבער יא צו גלייבן אז דער עיקר וועג צוצוקומען צום תכלית איז דייקא דורך אמונה און מצוות מעשיות, צו דינען דעם אויבערשטן בתמימות ופשיטות און דורך דעם אליין איז מען זוכה וואס מען איז זוכה. מיר דארף גלייבן אז 'וימי הפורים האלו לא יעברו' עס איז נישט דא אזא זאך אז די פורים איז אריבער, אפילו די פשוט'סטע איד וואס איז מקיים די מצוות היום בפשיטות איז זוכה און ער ווערט דערהויבן אן א שיעור.

ווער עס קען זיך נישט פרייען מיט די עצם מקיים זיין די מצוות היום צוליב וואס ער ערווארט אורות און דעהויבענע געפילן, עס איז אים שווער צו גלייבן אז די עצם הערן די מגילה און געבן אפאר פרוטות צדקה פאר מתנות לאביונים און איבערגעבן עפעס אן עסנווארג פאר משלוח מנות און אזוי ווייטער, דאס איז גורם א מורא'דיגע נחת רוח אויבן אין הימל אן קיין שיעור, און די גאנצע וועלט איז נישט ווערט קעגן איין פינטעלע פון די מצוות, דאן ליידט ער גאר שווער פון די פיילן פון עמלק, און די חכמות פארוואגלען דעם מענטש צום שאול תחתית חלילה.

### צא והלחם בעמלק

פורים איז א מלחמה מיט א עמלק און איז די התחלה פון אלע התחלות, צוליב וואס עמלק ווערט אנגערופן ראשית גויים און אלע התחלות אין עבודה ה' איז אנגעהאנגען אין די מלחמה מיט עמלק. די רבי איז דאס מרמז אינעם מעשה פונעם חכם ותם אז כאטשיג די חכם האט פארמאגט אלע מעלות השגות און שלימות, דאך צוליב וואס ער איז געווען פארכאפט אין 'חכמות' און געזוכט שלימות לויט זיין פארשטאנד און זיך נישט געוואלט פרייען ווען עס איז אים נישט געלונגען וואס ער האט געוואלט, דורך דעם איז ער צוגעקומען צו כפירה ממש.

דעריבער דארף מען באמת לייגן א שטארגע דגוש אין די טעג פון פורים, מיט זאלן ווילן און זוכן צו גיין אין די וועגן פונעם 'תם הקדוש' וואס האט זיך יא געפרייט מיט וואס ער האט זוכה געווען, און מיר זאלן געראטעוועט ווערן פון די חכמות פון עמלק וואס פארווארפן דעם מענטש אינעם אפגרונד. מיט יעדע מצווה און מצוה אין דעם הייליגן טאג – בפרט בשעת די שמחה און די ריקודין, דארף מען בעטן און בענקען צו געראטעוועט ווערן פון די חכמות און דמיונות און זיך משעבד זיין צו א ריינע אמונה פשוטה אויף א גאנץ יאר.

על כל פנים אין פורים אליין דארף מען 'זיך שניצן א תמימות', פרובירן זיך צו פרייען אדער כאטש מאכן תנועות פון שמחה, זיך צו פרייען און זיך באלעקן מיט דעם וואס מיר האבן זוכה געווען צו מקיים זיין עפעס א מצוה בפשיטות, און אנהייבן אין דעם טאג א נייע התחלה פארן גאנצן יאר, נישט צו שטעלן אונזער שמחה אויף א תנאי פון דערהויבענע געפילן און שלימות'דיגע הצלחות וואס דאכט זיך פאר אונז אלץ הצלחה, נאר אנהייבן גלייבן אין די טייערקייט פון יעדע קליינטשיגע און גרויסע פעולה וואס מיר האבן געטון אזוי ווי מען האט אונז באפוילן.

און טאקע גלייך נאך פורים דארף מען אנהייבן אויסניצן די געוואלדיגע קנינים – סיי דער וואס האט זוכה געווען און עס איז אים געגאנגען 'כסדר' און סיי פאר ווער מען עס איז געגאנגען 'שלא כסדר' – זיך צו צווינגען און זיך פרייען און דאנקען אויף דעם וואס מיר האבן זוכה געווען צו טון און מקיים זיין בפשיטות די מצוות היום, און זיך שטארקן מיט דיבורי אמונה אז זיכער דורך דעם האבן מיט אפגעהאלטן א זיג אין דעם מלחמה.

# א פונק פון חיות

## רבנו אמר על השתיה בפורים: "נאך בראנפן - איז נאך תיקון הברית"

**"עוד יין שרף - הוא עוד תקון הברית". (ברוסיה היו שותים יין שרף , כי יין לא היה מצוי כל כך)**

(שיש"ק החדש ח"ג תקיד)



# מקור מים חיים

א ווארט אויף די פרשה

### ובכן אבוא אל המלך אשר לא כדת, וכאשר אבדתי אבדתי (מגילת אסתר ד' ט"ז)

ודרשו רז"ל (מגילה ט"ז.) "אשר לא כדת" **שלא כדת של תורה**, היינו, אף על פי שלפעמים נדמה להאדם שהוא רחוק כל כך מהשי"ת עד שעל פי דת של תורה בוודאי אינו ראוי לבוא לפני המלך ולהתפלל לפניו כפי גודל חטאיו ועוונותיו, (בבחינת ולרשע אמר אלוקים מה לך לספר חוקי) אף על פי כן יחזק עצמו ויאמר: עם כל זה אבוא אל המלך אשר לא כדת, ועם תפילותי והתבודדותי אינו לרצון לפניו ח"ו, אזי **כאשר אבדתי אבדתי**, ויעשה השי"ת עמי מה שירצה, אני אייחל ואצעק להשי"ת אולי ירחם.

(ליקו"ה הל' בכור בהמה טהורה ה"ד, ט"ז)


מזל טוב לידידינו העומד לימינינו בעזרתו הרב להוצאת הגליון
הר"ר **שמעון יו"ט יאזשעף** שליט"א
מירושלים עיה"ק
לרגל **הולדת בתו** למז"ט
ישלם ה' פעלו ובזכות רביה"ק יזכה לגדלה לתורה ולחופה ולמעש"ט.
מברכים **המערכת**

מזל טוב לידידינו
הר"ר **ברוך גודלבסקי** שליט"א
לרגל **נישואי בתו**
עב"ג החתן **משה יואל הערצאג** נ"י
בן הר"ר **נחמן גבריאל הערצאג** שליט"א
בזכות רביה"ק יזכו לבנות בית נאמן בישראל.
בארא פארק

מזל טוב לידידינו
הר"ר **אורי יאקאבאוויטש** שליט"א
ולחתנו הר"ר **הערשל אדלער** שליט"א
לרגל **הולדת בנותיו\נכדותיו התאומים** למזל"ט
בזכות רביה"ק יזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח
וויליאמסבורג

מזל טוב להמחותנים
הר"ר **צבי יוסף פריעדמאן** שליט"א וויליאמסבורג
הר"ר **נתן יושע שווארץ** שליט"א קרית יואל
לרגל **אירוסי צאצאיהם** למז"ט
בזכות רביה"ק יזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח

מזל טוב לידידינו
הר"ר **נחמן שלום נהרי** שליט"א
לרגל **הולדת בנו** למזל"ט
בזכות רביה"ק יזכה לגדלו לתורה ולחופה ולמעש"ט.
לעיקוואד

מזל טוב לידידינו הר"ר **אברהם וואלף פאלקאוויטש** שליט"א
ולאביו הר"ר **יואל פאלקאוויטש** שליט"א
לרגל **הולדת בנו\נכדו** למזל"ט
בזכות רביה"ק יזכה לגדלו לתורה ולחופה ולמעש"ט.
קרית יואל

# אילנא דחיי

עובדות און סיפורים פון פארצייטישע חסידים

## דער פורים'דיגע טאנץ אין טעפליק

עס איז פורים בייטאג אין די שטאט טעפליק. א טעטיגע באוועגונג דערקענט זיך ארום א געוויסן הויז, כאטש עס צייגט פונדרויסן נישט אנדערש ווי די איבריגע שטאטישע הייזער. יעדע פאר מינוט ערשיינט א חסיד מיט א הערליכע משלוח מנות אין האנט און גייט אריין אין הויז מיט א שאלנדע פרייד. אזוי פארזאמלען זיך נאך און נאך חסידים, און די שמחה אינעווייניג שטארקט זיך וואס א מינוט מער.

עס איז דאס הויז פונעם גרויסן חסיד ר' מאיר טעפליקער, פון די געהויבענע תלמידים פון הייליגן ר' נתן ז"ל. אין פארלויף פון די יארן איז באשטימט געווארן ביי זיינע נאנטע זיך צאמצוקומען ביי אים פורים בייטאג זיך צו פרייען אינאיינעם, און מקיים זיין די מצוות פון פורים מיט ברודערליכקייט און אנגעבינדנקייט אינעם אמת'ן צדיק וועלכער גייט פאראויס פאר זיי.

פונקטליך צוויי אזייגער נאכמיטאג, בשעת די שמחה אינעווייניג איז אין פולן שוואונג, ווערן די פענסטער פארהאנגען. פיל ליכט ווערט אנגעצינדן אינעם גאנצן הויז, און דער עולם הייבט זיך אן וואשן צו דער פורים'דיגער סעודה. די צייט און ארט ווירקן דאס זייעריגע; דער קלארער דיבור פונעם הייליגן רבי'ן אז "יעדע שלונג משקה אום פורים איז א באזונדערע תיקון" לאזט אירע צייכנס אויף די פארזאמלטע. צוביסלעך הייבן זיי אן פאר'שיכור'ט ווערן, דער מח ווערט פארנעפלט, כמעט וואט מען קען שוין נישט אונטערשיידן צווישן 'ארור המן' און 'ברוך מרדכי', און די שמחה גרייכט ביז די העכסטע ספערן.

און אט באמערקט ר' מאיר אין איינעם פון די אנוועזנדע, א באליבטער תלמיד זיינער וועלכער וואוינט אין א פארשטופטן דערפל ווייט פון טעפליק. צו זיין שטוינונג איז יענעמ'ס פנים געבליבן פארזיגלט, די שמחה האט אים ווי איבערגעהיפט, און ער זיצט ווי אן אבל צווישן חתנים.

ר' מאיר ווענדט זיך צו אים מיט א געשריי, און אנגעטרונקענערהייט הייבט ער אים אן צו מוסר'ן: "עס איז דאך פורים היינט! וואט ביזטו נישט פרייליך ווי אלע?"

דער דארפסמאן לאזט אראפ זיין קאפ מיט פאראיבל, טרערן פארפולן זיינע אויגן און ער זאגט: "אייך איז ברוך השם גוט, איר ווייסט פארוואס? ווייל איר האט נישט 'צביה' אויפ'ן קאפ..."

אויגנבליקליך האט רבי מאיר באנומען די לאגע. די דאזיגע צביה איז געווען די עלטסטע טאכטער פונעם דארפסמאן. א רייע מיט טעכטער האבן אים אפגעווארט אין שטוב און ער האט נישט געהאט פון וואו זיי חתונה צו מאכן. ווי אזוי זאל דעריבער דער געפלאגטער איד זיין פריילך און לוסטיג אין די צייט וואט אין זיין הויז הערשט א תשעה- באב'דיגע אטמאספער?

אבער ר' מאיר איז אים נישט שולדיג געבליבן קיין ענטפער. ער העכערט זיין שטימע, ווען דערביי שטעלן זיך זיינע פיס נישט אפ פון טאנצן: "און אז עס איז דיר טאקע שלעכט האסטו נישט געטראפן קיין בעסערע עצה ווי צו זינקען אין מרה שחורה?! וועט דאס דען לעזן דיין סיטואציע? אויב איז איינעם גאר שלעכט און ביטער, שרייט מען 'צרות לבבי הרחיבו ממצוקותי הוציאני!' (תהלים נ"ה)

רבי מאיר האט זיך נישט באגנוגנט מיט בלויזע רייד. ער האט אנגעכאפט די הענט פונעם דארפסמאן און אים אריינגעשלעפט אינעם רינג, אנגיסנדיג אים דערביי עטליכע כוסות ביז ער האט זיך אנגעטרונקען ווי עט דארף צו זיין.

אזוי האבן די צוויי געטאנצן צוזאמען אין פארלויף פון א לאנגע צייט, ווען דער דארפסמאן שרייט זיין רעטונגס געשריי - "צרות לבבי הרחיבו - ממצוקותי הוציאני" און ר' מאיר ענטפערט אים דערויף: "אזוי שלעכט ווי עס איז, פונקט אזוי שטארק שרייט מען!" האט דער דארפסמאן טאקע געשריגן און געשריגן, ביז ער איז הייזעריג געווארן און זיין שטימע איז פארשטילט געווארן.

•••

### די וואונדערליכע ישועה

בלויז געציילטע טעג זענען פארביי פונעם דאזיגן רירנדן טאנץ, און איינעם פון די ברסלב'ע חסידים איז אויסגעקומען צוליב זיינע געשעפטן זיך אויפצוהאלטן אין יענעם דארף פאר א קורצע צייט. דער מסבב כל הסיבות האט צוגעפירט אז דער חסיד איז געצוואונגען געווארן צו פארבלייבן דארט אויף שבת. ער האט נישט געקענט דעם דארפסמאן, אבער ער איז געוועון צופרידן צו טרעפן א אידיש הויז אין אזא פארשטופטן דערפל. אויך דער דארפסמאן האט זיך געפריידט צום גאסט און אים הערצליך איינגעלאדנט צו זיך אויף שבת.

דער שבת איז אריבער זייער אנגענעם. די עלטסטע טאכטער האט צניעות'דיג און באשיידן אנגעפירט די שטוב ווירטשאפט און אויף א מוסטערהאפטיגן אופן אויסגעפירט די מצוה פון הכנסת אורחים וואס איז אונטערגעקומען אירע הענט. דער גאסט האט באמערקט אז עס רעדט זיך פון א טיכטיגע מיידל א יראת שמים, און ער האט זיך דערמאנט אין זיין באליבטן זון דער מתמיד וועלכער האט שוין דערגרייכט דער שידוכים־עלטער...

מוצאי שבת האט זיך דער גאסט געוואנדן צום דארפסמאן און גענומען רעדן צו דער זאך: "איך האב ב"ה א פיינעם זון, און לויט ווי איך זעה ביזטו געבענטשט מיט א געלונגענע טאכטער וואט האט נישט איר'ס גלייכן, אפשר ביסטו מסכים זיך משדך צו זיין? עס איז דאך ממש ענבי הגפן בענבי הגפן."

דער דארפסמאן פריידט זיך זייער צום פארשלאג ער וויל אבער נישט הערן פון טון סיי וואס פאר'ן זיך בארואטן מיט ר' מאיר פון טעפליק. "צום אלעם ערשטן מוז איך נעמען רשות פון מיין רבי'ן", איז זיין אנטווארט.

"ווער איז דיין רבי?" פרעגט דער גאסט.

"ר' מאיר פון טעפליק, א תלמיד פון ר' נתן".

דער גאסט איז כמעט ארויס אין א טענצל. "רבי מאיר איז דאך מיין נאנטער פריינד! איך בין אויך א ברסלב'ער חסיד ב"ה, און עס איז ביי מיר נישט קיין ספק אז ר' מאיר וועט מסכים זיין צום שידוך!"

אויפצומארגנס האבן די צוויי געמאכט זייער וועג קיין טעפליק. רבי מאיר האט זיך זייער געפריידט צו הערן וועגן דעם פאסיגן שידוך. ער האט געגעבן זיין צו־שטימונג, און דער שידוך איז געווארן למזל טוב.

אזוי, האט דאס פורים'דיגע טאנצן אים אויפגעראכטן.

# לחיותינו כהיום

מהנעשה והנשמע בקרב המסתופפים בצילא קדישא

## החוט המשולש לא במהרה ינתק

אט אט און מען טרעט אריין אין די לעכטיגע פרייליכע טעג, ימי הפורים הקדושים. ברסלב'ע חסידים גרייטן זיך שוין לאנגע וואכן מיטן געשריי פון הצלינו מקליפת המן עמלק, אויפשפילענדיג דעם ויזעק זעקה גדולה, געראטעוועט צו ווערן פון די אלע ביטערע גזירות, און זוכה זיין זיך אנצוקניפן צו דעם צדיק האמת בקדושת מרדכי ואסתר.

שטייענדיג ערב שבת קודש זכור פרייען מיר זיך אהער צו שטעלן דעם דריטן הערליכן גליון להחיות מיט רייכע מאמרים און דיבורים וואס קוועלן פונעם הייליגן רבי'נס קוואל, דער נהר המטהר מכל הכתמים.

## שבת להתחדש

גאר שווער איז אין דעם קורצן קאלום צו באשרייבן און אראפלייגן דעם דערהויבענעם שבת להתחדש וועלכע פארגעקומען פארגאנגענעם שב"ק פרשת משפטים מברכים חודש אדר, ווי אריבער הונדערט ברסלב'ע אינגעלייט פון אמעריקע זענען זיך צוזאמגעקומען פראווען א שבת אינאיינעם און אויפפלאמען דעם הייליגן רבי'נס פייער ביי זיך אין הארץ.

די שבת איז פארגעקומען אויף א רייכע פארנעם אינעם שטאט ליבערטי, און איז באגלייט געווארן מיט דרשות פון חשובי ומשפיעי אנ"ש פון ארה"ק און פון דאהי, בפרט האט מען געהערט לעכטיגע דיבורים במשך דעם שבת פונעם חשוב'ן גאסט הרה"ח ר' שאול סירוטה שליט"א. די אינגעלייט זענען אהיים געקומן מיט פרישע כוחות צו דינעם דעם אויבערשטן מיט א נייע פרישקייט בכח דעם הייליגן רבי'ן.

לרגל דעם שבת איז ערשינען א פארגרעסערטע גליון 'להחיות', מיט א ספעציעלע רייכע באשרייבונג לקראת דעם שבת, און איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד ביי די אינגעלייט וואס האבן זיך משתתף געווען ביים שבת, און ביי אנ"ש אומעטום.

## לך כנוס

די לעכטיגע ימי הפורים – וואס די הייליגע רבי האט מגלה געווען אויף דעם אז "ועכשיו" זענען אלע התחלות פון פורים - דערנענטערט זיך מיט גרויסע טריט, ברסלב'ע חסידים מאכן די ריכטיגע הכנה, און אין פילע שטעט אין אמעריקע גרייט מען זיך אויף ספעציעלע כינוסי הכנה, וואו מען וועט זיך אינאיינעם צוזאמקומען און מאכן כלים צו מקבל זיין די גרויסע אורות. פונקטליכע פרטים וועלן בעזהשי"ת נתפרסם ווערן.

## בלילה ההוא

ווי יאר יערליך גרייטן זיך אנשי שלומינו פון איבעראל, ארויסצוגיין אין די פעלדער און וועלדער בחצות ליל הפורים, און זיך אויסשרייען פארן בוכ"ע. מען וועט בעזהשי"ת ארויספארן פון אלע ברסלב'ע שולן און אלע שטעט, אזוי ווי עס וועט בס"ד געמאלדן ווערן.

BRN דימון | עיצוב ותדמית